טאָג-מאָרגן זשורנאַל



# באַגריסונגען צו ב. צ. גאָלדבערג פון הרב י. ד. סאָלאָווייטשיק, הרב בעלקין, גאָלדמאַן און שרת

דער גאון הדור הרב ר׳ יוסף דוב־בער סאָלאָווייטשיק שליט״א, האָט צוגעשיקט פאָלגענדע באַגריסונג.

„יום ד׳ י״ג כסלו, תשכ״ה

זעהר חשוב׳ער הער גאָלדבערג, שיחי׳.

שלום און ברכה:

מיט גרויס פאַרגעניגען שיק איך אייך מיינע האַרציקע ברכות צום פערציקסטען יובילעאום פון אייער ליטעראַרישער טעטיקייט אין דער חשוב׳ער צייטונג, „דער טאָג“.

איר קענט באמת, מיט שטאָלץ און צופרידענקייט קוקען צוריק אויף די פאַרגאַנגענע יאָרען. איז זייט תמיד געבליבען זיך טריי און געווען אויפריכטיק און אויסגעהאַלטען אין אייער אָפּשאַצונג פון מענשען און געשעענישען.

געוויינליך, אָפטמאָל קומט איר צו מסקנות מיט וועלכע איך קען נישט מסכים זיין, ווייל אונזערע אויסגאַנג־פונקטען ליגען אין פאַרשידענע וועלט אנשויאונגען. דאָס האָט מיר אָבער קיינמאָל נישט געשטערט אָפּצושאַצן די דריי הויפּט־מעלות פון אייער שרייבען:

1. פשט, נישט קיין פילפול. 2. עמקות (דערגרונטעווען זיך צום אמת). 3. אַ קלאָרע הסברה (אָן קיינע קינסטליך־סאָפיסטישע עפעקטען) פאַר אַ גמרא אידען ווי איך זענען דאָס דריי נויטיקע עלעמענטען פאַר יעדער אויפפאַסונג פון אַ פּראָבלעם.

איך ווינש אייך אריכת ימים, אַ סך יאָרען פון פרוכטבאַרער טעטיקייט און באַפרידיקונג.

מיט גרוס און כבוד,

יוסף בער סאָלאָווייטשיק“.

---

דר. נחום גאָלדמאַן, פּרעזידענט פון אידישען וועלט־קאָנגרעס און פון וועלט אידענטום האָט אין זיין באַגריסונגס־בריוו אַדרעסירט צו מאָריס וויינבערג, אַרויסגעבער פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל“ געשריבען:

„איך דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג זיך צו באַטייליגען אין דער פייערונג פון ב. צ. גאָלדבערג׳ס 40־יאָריקער מיטאַרבעט אין „טאָג“. איך באַדויער וואָס איך וועל דעמאָלט נישט זיין אין ניו יאָרק. זייט אַזוי גוט און גיט איבער ב. צ. גאָלדבערג׳ן מיין טיפסטען אָפּשאַץ פון זיין אויסגעצייכענטער מיטאַרבעט אין „טאָג־מאָרגען זשורנאַל“, אַלס איינער פון די פירענדע אידישע זשורנאַליסטען אין אַמעריקע און אין דער אידישער וועלט בכלל.

„ר׳איז איינער פון די בעסטע אידישע זשורנאַליסטען היינט אין דער וועלט. ער איז גרינטלעך באַקאַנט מיט אַלע אידישע פּראָבלעמען פון אונזער דור, און פאַרמאָגט — וואָס איך שאַץ איבער אַלץ — אַן אומאָפּהענגיקן דענקען און גרויס מוט צו פאַרטיידיקען זיינע מיינונגען און אידייען. זאָל ער נאָך פיל יאָר פאָרזעצען זיין בייטראָג צום אויפקלערן דעם אידישען עולם צו פאַרשטיין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אונזער צייט“.

---

משה שרת, געוועזענער פרעמיער־מיניסטער פון ישראל און פירער פון סוכנות האָט אין זיין באַגריסונגס־טעלעגראַמע געשריבן:

„עס פרייט מיך זיך צו פאַרבינדען מיט אייך אין געבען אָנערקענונג ב. צ. גאָלדבערג׳ן צום פערציקסטען יובל פון זיין זשורנאַליסטישער קאַריערע. איך סאַלוטיר זיין גרויסע באַמיאונג צו באַלויכטען די לאַגע פון די אידען איבער דער וועלט, און באַזונדערס זיין ניכטערן, אַריינדרינגענדען, און אָן־מורא׳דיקען אַנאַליז פון די אומשטענדען און אויסזיכטען פון סאָוועטישען אידענטום. איך ווינש אים פיל יאָרען פון פרוכטבאַרער טעטיקייט פאַר׳ן המשך און טריאומף פון אונזער פאָלק“.

---

הרב דר. שמואל בעלקין, פּרעזידענט פון ישיבה אוניווערזיטעט שרייבט:

„בעסטע וואונשען צו אייער גוט־פאַרדינטער אָנערקענונג פון שריפטשטעלערישער טעטיקייט.

„זאָל דער רבונו של־עולם, אייך שענקען געזונטע און לאַנגע יאָרען און צו זיין מיט אייער געטרייער דינסט צו אונזער נאָבעלער ירושה“.